**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די אנהייב פון א נייע אויגפארכאפנדע סיסטעם צו העלפן ניו יארקער זיך צוגרייטן פאר וואלדפייער געפאר**

***פייער געפאר רעכענונג סיסטעם שותפות צווישן ניו יארק סטעיט מעסאנעט און די דעפארטמענט פאר ענווייראמענטאלע אפהיטונג אפפערט מער פארלעסליכע וואלדפייער אינפארמאציע***

***יעצטיגע פייער געפאר איז "הויך" אינעם גאנצן שטאט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א נייע באלדיגע וועטער דאטא געצייג צו העלפן אינפארמירן ניו יארקער ווען עס איז דא א געהויבענע ריזיקע פון וואלדפייערן. ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) און ניו יארק סטעיט מעסאנעט ביי די יוניווערסיטעט אין אלבאני פארשער באנוצן זיך מיט דאטא פון די יוניווערסיטעט ביי אלבאני'ס וועטער נעטווארק לענגאויס די שטאט ארויסצוגעבן טעגליכע פייער געפאר אפשאצונגען צו אפפערן מער פארלעסליכע וואלדפייער אינפארמאציע און פארמערן פאבליק זיכערהייט.

"מיר זעען יעצט די אפעקטן פון קלימאט טוישונגען, מיט געפארפולע וואלדפייער סעזאנען לענגאויס די קאנטינענט יאר נאך יאר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.**"מיר ווילן מאכן זיכער אז די שטאט האט די מערסטע לעצטיגע געצייגן און אינפארמאציע זיך צוצוגרייטן און צו רעאגירן צו וואלדפייערן צו פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס און ריסאורסעס זענען אפגעהיטן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער סיען מאהאר האט געזאגט,** "אפילו איידער וואלד פייערן צינדן זיך אן, איז פונקטליכע דאטא קריטיש-וויכטיג כדי צו קענען ארויסגעבן די הילפסמיטלען און צו אנווייזן קאמיוניטיס פון פאטענציאלע געפארן.  - DEC (Department of Environmental Conservation)'ס שותפות מיט ניו יארק סטעיט מעסאנעט וועט אפפערן פארבעסערטע און פארלעסליכע וואלדפייער אינפארמאציע צו העלפן האלטן קאמיוניטיס באשיצט דורכ'ן נעמען די כח פון די מעסאנעט צו פארמערן די נומערן פון סטאנציעס וואס רעקארדירן אבזערוואציעס אין יעדע פון די שטאט'ס פייער געפאר אפשאצונג געגנטער. די דאטא וועט העלפן אינפארמירן א נייע, גרינגער צו ליינען מאפע וואס וועט בענעפיטן פאר ניו יארקער ווען וואלדפייער גאפארן קומען אויף."

**ניו יארק סטעיט מעסאנעט דירעקטאר דשון וואנג האט געזאגט,** "בשעת די קלימאט ווערט ווארעמער, הייבט זיך די אפעקטייט און ערנסטקייט פון פייער ווערס לענגאויס די U.S. די נייע צוזאמענארבעט וועט רעאגירן דורכ'ן פולקאם גוט אויסנוצן די NYS מעסאנעט וועטער דאטא און ערפארונג, געבנדיג א מער דעטאלירטע און פונקטליכע פייער געפאר רעכענונג."

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) קאמישאנער דשעקי ברעי האט געזאגט,** "וואלדפייערן זענען א דראונג פאר מענטשן, חיות, נאטור און קאמיוניטיס. די נייע דאטא געצייג וועט העלפן ברענגען קריטישע אינפארמאציע צו די אלגעמיינע באפעלקערונג און וועט העלפן ברענגען פייערלעשער שנעלער און פונקטליכער כדי די געפאר וואס ווערט געשאפן דורך די וואלדפייערן קענען ווערן דראסטיש פארמינערט."

**אלבאני'ס אטמאספערישע סייענסעס פארשונג צענטער (Albany's Atmospheric Sciences Research Center) דירעקטאר און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די NYS מעסאנעט קריס טאורנקראפט האט געזאגט,** "וועטער דאטא וואס שאצט דאס פלאץ האט א קריטישע ראלע צו שפילן אין וויאזוי מיר געוואוינען זיך צו צו די מערסטע ערנסטע נאכפאלגונגען פון קלימאט טוישונגען. מיר זענען שטאלץ ווייטער צו ארבעטן מיט אונזערע פאבליק און פריוואטע שותפים לענגאויס די שטאט אויף פראיעקטן אזויווי די וואס פארמערט די שטאנדהאפטיגקייט פון ניו יארקער קעגן וועטער-פארבינדענע ערנסטע געשעענישן."

**לאקאלע פייער וועטער אינפארמאציע**
די ניו יארק סטעיט מעסאנעט איז די פאלק'ס מערסטע פארגעשריטענע און גרעסטע פריע-ווארענונג וועטער אויפכאפונג סיסטעם. עס האט 127 סטאנדארטע וועטער אבזערוואציע סטאנציעס וואס דעקן די גאנצע שטאט, אריינגערעכנט כאטש איין אין יעדע קאונטי און בארא. יעדע סייט מעסט די טעמפעראטור, פייכטקייט, ווינט שנעלקייט און דירעקציע, פרעשור, נאסקייט, ראדיאציע פונעם זון, שניי טיפקייט, ערד אינפארמאציע און אפפערט קאמרע בילדער. די דאטא ווערט געזאמלט אויפ'ן פלאץ יעדע פינף מינוט, פיטערנדיג וועטער שאצונג מאדעלן און באשלוס-שטיצע געצייגן פאר באנוצער לענגאויס ניו יארק.

DEC'ס וואלדפייער שאצונג סערוויסעס (DEC's Wildfire Predictive Services) גיבט ארויס און אפדעיט א פייער געפאר מאפע וואס צוטיילט ניו יארק אין מערערע פייער געפאר אפשאצונג געגנטער און לייגט דערנאך יעדע אויף א וואלדפייער ריזיקע שטאפל פון נידריג ביז ערנסט.

די פארגעשריטענע דאטא זאמלונג העלפט אידענטיפיצירן די לאקאלע מעגליכקייט פון פייער געפאר לענגאויס די סטעיט, ערלויבנדיג קאמיוניטי פירער, עמערדשענסי מענעדשערס און אלגעמיינע ניו יארקער צו טוישן זייערע אקטיוויטעטן כדי צו פארמיידן פייערן און נידערן שאדנס. עס וועט זיין צו באקומען פאר'ן אלגעמיינעם באפעלקערונג, וועט אפפערן פייער געפאר רעכענונגען ארום דעם יאר, און, אין צוזאמענהאנג מיט די DEC'ס וועט פאראויסשאצונגען, אנדערע פייער וועטער ענווייראמענטאלע און מיטיאראלאגישע מעגליכקייטן פאר אלע פייער געפאר אפשאצונג געגנטער אין ניו יארק.

**פארבעסערן וואלדפייער גרייטקייט**
פייער געפאר מאפעס ווערן ארויסגעגעבן צוזאמען סיי אויף DEC וועבזייטל און סיי אויף די ניו יארק סטעיט מעסאנעט פייער געפאר פראדוקטן וועב בלאט.

ענליך צו די יעצטיגע RAWS (Remote Automated Weather Station - רימאוט אויטאמאטישע וועטער סטאנציע) סיסטעם, וועט די ניו יארק סטעיט מעסאנעט געבן די נאצעניאלע וועטער אינפארמאציע מענעדשמענט סיסטעם, וועלכע דינט אלס די גאסטגעבער פאר די נאצעניאלע פייער געפאר רעכענונג סיסטעם, מיט די דאטא וואס איז נויטיג ארויסצוגעבן ראיאנישע פייער געפאר אפשאצונג פראדוקטן.

די פאבליק וועבזייטל וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט מעסאנעט אפפערט יעצטיגע און היסטארישע פייער וועטער אינפארמאציע, וואס ווערט גע'אפדעיט יעדן טאג. די פראיעקט ווערט געשטיצט דורך די DEC דורך א U.S. דעפארטמענט פון אגריקולטור ( U.S. Department of Agriculture) וואלד סערוויס וואלדפייער ריזיקע פארמינערונג שענקונג.

די ניו יארק סטעיט מעסאנעט פייער געפאר פראדוקטן בלאט איז אוועילעבל דא.

די DEC פייער געפאר מאפע בלאט איז אוועילעבל דא. עס וועט ווייטער ענטהאלטן די פייער געפאר מאפע אין צוגאב צו ספעציפישע אינפארמאציע איבער פייער געפאר אפשאצונגען און די פייער געפאר אפשאצונג געגנטער.

**פייער געפאר איז 'הויך' אינעם גאנצן שטאט**

לעצטיגע טרוקענע אומשטענדן לענגאויס די שטאט ברענגט צו א "הויכע" פייער געפאר. א הויכע פייער סכנה מיינט אז אלע דינע, טויטע ברענשטאף צינדן זיך גרינגערהייט אן און פייערן הויבן זיך גרינגערהייט אן פון יעדע אורזאך, אריינרעכענענדיג האלץ פייערן און קעמפ פייערן אן השגחה. פייערן קענען ווערן ערנסט און שווער צו ברענגען אונטער קאנטראל אויב זיי ווערן נישט אטאקירט מיט הצלחה בשעת עס איז נאך קליין. די רעשט פון ניו יארק סטעיט איז אין א מעסיגע פייער סכנה שטאפל. אן אפדעיטעד פייער געפאר מאפע איז דא צו באקומען אויף די DEC וועבזייטל. כאטש די 'בורן בען' - ברען אפהאלונג לענגאויס די סטעיט איז מער נישט אין אפעקט, זאל 'בראש בורנינג' נאר ווערן געטון בלויז ווען אויסדרוקליך נויטיג. פארברענען מיסט אדער בלעטלעך איז פארבאטן א גאנץ יאר אין ניו יארק סטעיט.

**פארברענען אין די עפנטליכקייט איז פארבאטן אין ניו יארק, מיט די אויסנאמען:**

- קעמפפייערן אדער סיי וועלכע אנדערע פייער אויפ'ן גאס וויניגער ווי דריי פיס אין די הייך און פיר פיס אין די לענג, ברייט אדער דיאמעטער זענען ערלויבט.
- קליינע קאכן פייערן זענען ערלויבט.
- הדלקות פאר א מנהג אדער פייערונג זענען ערלויבט. פארניכטן פענער אדער רעליגיעזע חפצים אין א קליינע פייער איז ערלויבט, אויב עס איז נישטא א ספעציפישער געזעץ אדער רעגולאציע וואו פארבאט דאס.
- נאר קויל אדער טרוקענע, ריינע, נישט באארבעטע אדער נישט געפארבטע האלץ מעג פארברענט ווערן.
- פייערן טאָרן נישט איבערגעלאזט ווערן אן השגחה און מוזן פולשטענדיג אויסגעלאשן ווערן.

פאר מער אינפארמאציע איבער פייער זיכערהייט און פארמיידונג, גייט צו DEC'ס פייערווייז ניו יארק וועבבלאט.

###

נאך נייעס קען מען באקומעןביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן